**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט געווינער פון 30 מיליאן דאלארדיגע 'ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל" טשעלענדזש פארמעסט**

***לאנג איילענד, מאוהאק וואלי און נארט קאנטרי REDC'ס וועלן באקומען ביז 10 מיליאן דאלאר צו אויספירן אמביציעזע, נייע סטראטעגישע פלענער פאר די צוקונפט***

***טייל פון דרייצנטע רונדע פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט לאנג איילענד, די מאוהאק וואלי און די נארט קאנטרי אלס די געווינער פון די 2023 30 מיליאן דאלארדיגע 'ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל" טשעלענדזש פארמעסט. (Regional Economic Development Council, REDC) אלס די געווינער פון די היי-יאריגע פארמעסט, וועלן REDC'ס אין לאנג איילענד, די מאוהאק וואלי און די נארט קאנטרי באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פראיעקט גרענטס צו אויספירן אמביציעזע פארשלאגן צו אדרעסירן דעם האוזינג קריזיס און פארשטערקערן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג באמיאונגען.

"ניו יארק'ס REDC טשעלענדזש פארמעסט איז בלויז איינס פון די וועגן אין וועלכע אונזער סטעיט באפולמעכטיגט לאקאלע פירער צו טראנספארמירן זייערע קאמיוניטיס און עפענען זייער עקאנאמישע פאטענציאל", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די היי-יאריגע געווינער האבן געארבעט אויף פארשלאגן צו בויען הייזער, מאכן אונזער ארבעטסקראפט וואקסן און פארשטערקערן די פלוס פון טאלאנטפולע ארבייטער, און א דאנק די סטעיט אינוועסטירונג, וועלן REDC'ס אין לאנג איילענד, די מאוהאק וואלי און די נארט קאנטרי באקומען די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען אויספירן די פלענער."

**ליוטענאנט גאווערנער אנטאניאָו דעלגאַדאָו, פארזיצער פון די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס, האט געזאגט,** "די 2023 REDC טשעלענדזש פארמעסט ווייזט ארויס די אנגייענדע שטארקייט און שעפערישקייט פון אונזערע REDC'ס. ווען זיי זענען באאויפטראגט געווארן זיך צו אפגעבן מיט דרוקנדע אנגעלעגנהייטן פאר זייערע ראיאנען, האבן זיי ארויפגעשאנט די ארבל און געשאפן סטראטעגיעס וועלכע וועלן אהערשטעלן רעזולטאטן. איך גראטולירט לאנג איילענד, די מאוהאק וואלי און די נארט קאנטרי פאר זייערע געווינענדע פארשלאגן קאנצענטרירט אויף ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און האוזינג — אלע ניו יארקער וועלן בענעפיטירן אלס רעזולטאט."

אלס טייל פון די REDC'ס דרייצנטע רונדע איניציאטיוו, זענען אלע פון ניו יארק'ס 10 REDC'ס אויפגעקומען מיט סטראטעגיעס און א פראקטישע צוגאנג צו אדרעסירן איינס פון זיבן טשעלענדזשעס וואס שטייען פאר די סטעיט: ארבעטסקראפט, האוזינג, אנהאלטן די באפעלקערונג און טאלאנט פון פארלאזן, חורבות, טוריזם, גערעכטיגקייט און ענווייראמענט פריינטליכקייט און ריינע ענערגיע. די געווינענדע פארשלאגן האבן אריינגערעכנט:

- **די לאנג איילענד ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל'ס** [**פלאַן**]() צו אדרעסירן א באדייטנדע מאנגל אין וואוינונג הייזער אין לאנג איילענד. דער פארגעשלאגענער "לאנג איילענד - אויף פאראויס" (Long Island Forward) פראגראם זוכט צו מוטיגן לאקאלע רעגירונגען צו שאפן ארבעט'ס-גרייטע שטחים דורך געציהלטע אנרייץ מיטלען צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייט אויף א קאנקרעטע וועג.
- **די מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל'ס** [**פלאַן**]() צו נאכקומען דעם ראיאן'ס וואקסנדע פארלאנג פאר טוריזם, אגריקולטורישע ביזנעס און STEM-אינטענסיווע אינדוסטריעס, בשעת'ן גיבן פריאריטעט פאר אירע באמיאונגען צו עלימינירן זאכן וואס שטייען אין וועג פון מענטשן צו באקומען ארבעט. די קאונסיל האט אנגעוויזן אויף 12 אויפטרייבנדע פראיעקטן צו פארגרעסערן די פארנעם פון ערפאלגרייכע פראגראמען אריבער דעם ראיאן, אריינרעכענענדיג אוועקגעשטעלטע פראגראמען ווי די Institute for Rural Vitality's 'מייקראָו-קרעדענטשעלס' פראגראם, מאוהאק וואלי קאמיוניטי קאלעדזש'ס צוגעיאגטע פראגראם און די Hillside Work Scholarship Connection. די מאוהאק וואלי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל'ס פארשלאג האט אויך אריינגערעכנט עטליכע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע מעגליכקייט צו אריינציהען סטודענטן אין א יונגערע עלטער און עפענען טירן צו א מער פארשידנארטיגע ארבעטנדע באפעלקערונג, און אזוי אויך פראיעקטן וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו עלימינירן באשעפטיגונג שטרויכלונגען וואס שטייען אין וועג פון מענטשן מיט דיסאביליטיס.
- **די נארט קאנטרי ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל'ס** [**פלאַן**]() צו איינשפאנען דעם ראיאן'ס אייגנארטיגע ראיאנישע ארבעטסקראפט פארמעגן — פאָרט דראָם, ניו יארק'ס גרעסטע ארבעטסגעבער אויף איין איינציגע לאקאציע. דורך אן אינציאטיוו גערופן Next Move NY ('קומענדיגע טריט - ניו יארק'), ציהלט די נארט קאנטרי REDC צו אנפילן דעם ראיאן'ס ערווארטעטע לאך אין ארבעטסקראפט אין לויף פון די קומענדיגע 10 יאר דורכן האלטן דארט סאלדאטן וואס גלידערן זיך ארויס אין געזעלשאפט און זייערע מענער/ווייבער.

די צען פארשלאגן זענען איבערגעקוקט געווארן דורך די סטראטעגישע איינפירונג אפשאצונג מאנשאפט (Strategic Implementation Assessment Team), אנגעפירט דורך די סעקרעטערי אָוו סטעיט. אנדערע מיטגלידער האבן אריינגערעכנט קאמישאנערס פון די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט, לעיבאר דעפּארטמענט, דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג, קאנאל קארפארעישן, האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און אזוי אויך סענאטארשע מאניקע ר. מארטינעז און סענאטאר שאָן מ. רייען.

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די REDC 2023 טשעלענדזש פארמעסט זוכט צו אונטערטרייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג און וואוקס איגנערהאלב ניו יארק סטעיט. דריי ראיאנען פון אונזער געוואלדיגע און געאגראפיש-פארשידנארטיגע סטעיט זענען אויסדערוועהלט געווארן זיך צו באנעמען מיט די מערסט דרוקנדע פראבלעמען אין זייערע קאמיוניטיס. איך גראטוליר לאנג איילענד, די מאוהאק וואלי און די נארט קאנטרי פאר זייערע געווינענדע פארשלאגן. מיט א קאנצענטראציע אויף האוזינג, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טוריזם, וועלן די סטראטעגישע אינוועסטירונגען פארשטערקערן די קאמיוניטיס'ס עקאנאמישע חזון."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "פארלייכטערן ניו יארק'ס מערסט דרוקנדע פראבלעמען וועט העלפן מאכן די סטעיט'ס עקאנאמיע וואקסן און פארזיכערן אן ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט. די לאנג איילענד, מאוהאק וואלי און נארט קאנטרי ראיאנען זענען אויפגעקומען מיט באאיינדרוקספולע סטראטעגישע פלענער וואס זענען איינגעווארצלט אין

זייערע געגנטער, וועלכע וועלן שאפן קריטישע צוטריט צו דזשאב טרענירונג און צו היימער וואו ניו יארקער קענען זיך אוועקשטעלן און מאכן וואקסן זייערע לעבנס און קאריערעס."

די REDC איניציאטיוו האט געשאנקען איבער 7.9 ביליאן דאלאר פאר מער פון 9,900 פראיעקטן זינט עס איז אנגעהויבן געווארן אין 2011. דורך די צען REDC's, טוהען קאמיוניטיס, ביזנעסער, אקאדעמישע פירער און מיטגלידער פון די פובליקוםביישטייערן פון זייער אייגנארטיגע וויסנשאפט און פארשטאנד פון לאקאלע פריאריטעטן און פארמעגנס כדי צו ארבעטן צו ליפערן צוזאמענארבעטנדע, קאמיוניטי-געטריבענע עקאנאמישע אנטוויקלונג אריבער ניו יארק סטעיט.

דאס יאר האבן די ראיאנישע קאונסילס איבערגעקוקט און איבערגעארבעט זייערע סטראטעגישע פלענער, פארלייגנדיג אן עקאנאמישן חזון פאר די צוקונפט פון דעם ראיאן און אנטוויקלנדיג סטראטעגיעס צו אויסנוצן הויפט ראיאנישע פארמעגנס. די קאונסיל'ס סטראטעגישע פלענער שטעלן אוועק פריאריטעטן פאר דעם ראיאן און ווייזן אן אויף געלעגנהייטן צו פאראויס רוקן וויכטיגע אינדוסטריעס. זיי וועלן פארזעצן צו צושטעלן די נויטיגע אינפארמאציע און פינאנצירונג רעקאמענדאציעס און דינען אלס די פונדאמענט וואס ווייזט די וועג פאר באשלוסן און וואס שטיצט יעדן ראיאן'ס וואוקס. איבערגעארבעטע פלענער קענען געזעהן ווערן אויף די וועבזייטל פון יעדן ראיאן וועלכע קענען געפונען ווערן [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן